**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/1/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט קעשלאזע טאל ארייננגעלייגט ביי די מיד-האדסאן בריק**

***עררייכונג צייכנט אפ קעשלאזע טאל יעצט ארייננגעלייגט אויף אלע ניו יארק סטעיט-אנגעפירטע טאל ראָודס פאר זיכערערע און גלאטערע רייזעס***

***טאל ווערט יעצט אפגענומען דורך E-ZPass אדער דורך די פאסט איבער די גאנצע סטעיט בריק אויטאריטעט און טרו-ווער אויטאריטעט ראָוד נעטווארק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז קעשלאזע טאל איז ארייננגעלייגט געווארן דינסטאג, מערץ 1 ביי די מיד-האדסאן בריק וואס פארבינדט היילענד און פוקיפסי. די וויכטיגע עררייכונג צייכנט אפ די פארענדיגונג פון דאס ארייננלייגן קעשלאזע טאל איבער די פינף-בריק סיסטעם וואס ווערט אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט (New York State Bridge Authority) און ברענגט אלע ניו יארק סטעיט-אנגעפירטע טאל ראָודס אונטער קעשלאזע טאל.

"ווען די מיד-האדסאן בריק האט זיך געעפנט אין 1930 האט דאן-גאווערנער פרענקלין רוזעוועלט אויסגערימט די עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע בענעפיטן וואס די בריק און אנדערע ענליכע בריקן וועלן ברענגען פאר די האדסאן וואלי און די רעשט פון ניו יארק סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "היינט, היבש ווי אין FDR'ס צייטן, מאכט ניו יארק קריטישע אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן אונזער אינפראסטראקטור נעטווארק פאר די באדערפענישן פון די 21'סטע יאר הונדערט, ארייננרעכענענדיג דאס ארייננלייגן קעשלאזע טאל. די עררייכונג איז עדות פון אונזער איבערגעגעבנקייט צו די אנגייענדע פארבעסערונג פון ניו יארק'ס טראנספארטאציע נעטווארק, און מיט אלע פון אונזערע סטעיט-אנגעפירטע טאל ראָודס יעצט אפערירנדיג מיט קעשלאזע טעכנאלאגיע, קענען ניו יארקער יעצט הנאה האבן פון די בענעפיטן פון זיכערערע און גלאטערע רייזעס אויף אונזערע בריקן און הייוועיס."

דרייווערס קענען יעצט האבן די ערפארונג פון רייזע אן זיך אפשטעלן ביי די טאל מיט ערשט-קלאסיגע סענסארס און קאמעראס וועלכע לייענען E-ZPass טעגס און נעמען לייסענס פלעיט בילדער. קארן מיט E-ZPass טעגס וועלן אויטאמאטיש צאלן און קארן אן E-ZPass טעגס וועט גענומען ווערן א בילד פון זייער לייסענס פלעיט און א טאל ביל וועט אפגעשיקט ווערן דורך די פאסט צו דעם רעגיסטרירטן אייגנטומער פון די קאר דורך Tolls by Mail NY.

די זיילן אויף וועלכע די קעשלאזע טאל עקוויפמענט איז אויפגעהאנגען געווארן געפונט זיך אויף די מערב ארייננגאנג צו די בריק, צו מערב פון די בריק אויטאריטעט'ס הויפטקווארטיר. אזוי ווי אלע האדסאן טייך בריקן, ווערט טאל נאר גענומען פון מענטשן וואס פארן אין די מזרח ריכטונג.

די יעצטיגע טאל בודקעס זענען פלאנירט באלד אוועקצוגענומען ווערן. אוועקנעמען די טאל בודקעס וועט פארזיכערן אז די ראָוד בלייבט ליידיג פון שטרויכלונגען כדי צו ערלויבן זיכערערע און גלאטערע באוועגונג פון טראפיק. בשעת די טאל בודקעס וועלן צוואורפן ווערן וועלן דרייווערס אריבערגעפירט ווערן דורך די יעצטיגע טאל פלאזא שטח און ווערן געבעטן צו פארן מיט אכט.

אין צוגאב צו גלאטערע און זיכערערע רייזעס, ברענגט קעשלאזע טאל אויך ענווייראמענטאלע בענעפיטן צוליב ווייניגער צייט וואס מאטארן ארבעטן אומזיסט און גאז וואס גייט פאר גארנישט, פירנדיג צו ווייניגער קאר עמיסיעס.

קעשלאזע טאל איז יעצט אין קראפט ביי אלע פינף שטרעקעס וואס ווערן אפערירט דורך די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט: די בער מאַונטען, ניובורג-ביקאן, מיד-האדסאן, קינגסטאן-ריינקליף און ריפ וואן ווינקל בריקן. די ניובורג-ביקאן בריק איז געווען די ערשטע אריינצוגיין אין קראפט מיט קעשלאזע טאל אום יולי 7, 2021. די אנדערע פיר בריקן זענען אריין אין קראפט צוביסלעך דורכאויס די נאכפאלגנדע חודשים, און די מיד-האדסאן בריק איז געווען די לעצטע צו מאכן דעם אריבערגאנג.

די בריק אויטאריטעט'ס אריבערגאנג צו קעשלאזע טאל צייכנט אפ די לעצטע עררייכונג אין ניו יארק'ס באמיאונגען צו ברענגען די טעכנאלאגיע צו ראָודס און בריקן און צושטעלן גלאטערע רייזעס פאר דרייווערס איבער די גאנצע עמפייער סטעיט. אין לעצטיגע יארן האבן די MTA בריקן און טונעלן ( MTA Bridges & Tunnels) און די ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט ( New York State Thruway Authority) אריינגעברענגט קעשלאזע טאל, און די בריק אויטאריטעט איז יעצט די לעצטע סטעיט קערפערשאפט צו פולשטענדיג אריבערגיין צו דעם נייעם סיסטעם.

אין 2021 האט די [טרו-וועי אויטאריטעט] אנאנסירט די פארענדיגונג פון די אויטאריטעט'ס קעשלאזע טאל דעזיין-בויען פראיעקט וואס האט אפגעצייכנט די עמטליכע שטאפל אין דעם אריבערגאנג צו קעשלאזע טאל איבער די גאנצע 570-מייל-לאנגע טרו-וועי סיסטעם. די לעצטע שטאפל פון דעם פראיעקט האט אריינגערעכנט דאס אוועקנעמען 230 באזונדערע טאל בודקעס און איבערבויען און פונדאסניי אויסשטעלן 52 געוועזענע טאל פלאזא לאקאציעס אויף די טרו-וועי'ס געוועזענע טיקעט סיסטעם.

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט, דר. מינאָסקע אלקאנטערע, האט געזאגט,** "זינט עס האט זיך געעפנט אין 1930 איז די מיד-האדסאן בריק געווען א קריטישע פארבינדונג פאר אָלסטער און דאָטשעס קאונטיס און איינס פון ניו יארק סטעיט'ס הערליכסטע בריקן. כמעט א יאר-הונדערט שפעטער, גייען מיר אריין אין א באגייסטערנדע נייע קאפיטל פאר די אייקאנישע שטרעקע, פאר די בריק אויטאריטעט, און פאר די גאנצע ראיאן וועם מיר דינען. קעשלאזע טאל איז א בריק פאר די האָדסאן וואלי און עס פארבעסערט די רייזעס פאר יעדן."

**טשעיר פון די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט'ס באָורד אָוו קאמישאנערס, דזשאָוען מעקדאַנעלד, האט געזאגט,** "די באורד פון די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט איז פרייליך צו אפצייכענען די באגייסטערנדע עררייכונג פאר די אויטאריטעט און פאר די סטעיט'ס טראנספארטאציע סיסטעם. קעשלאזע טאל אפפערט א גלאטע רייזע ערפארונג, און מיר זענען שטאלץ זיך אנצושליסן מיט אונזערע שותפים פון אנדערע טראנספארטאציע קערפערשאפטן וועלכע האבן שוין איינגעפירט די פארגעשריטענע טעכנאלאגיע פאר די בענעפיט פון די רייזנדע פובליק. די באורד דרוקט אויס א דאנק פאר די שטאב פון NYSBA פאר זייער איבערגעגעבנקייט און שווערע ארבעט אינעם עפענען דעם נייעם סיסטעם אין לויף פון די פארגאנגענע יאר."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאנעטען דזשיקאבסאן האט געזאגט,** "אלץ דער אסעמבלי מיטגליד וואס פארטרעט סיי היילענד און סיי פוקיפסי סיטי, וואלט איך נישט געקענט זיין מער צופרידן צו זעהן די מיד-

האדסאן בריק זיך אריבערווקן צו קעשלאזע טאל. איך דרוק אויס מיין טיפן דאנק און וואונטשן צו יעדן איינעם ביי די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט פאר זייער שווערע ארבעט צו ערמעגליכן דעם ענדערונג. יעצט אז די מיד-האדסאן בריק שליסט זיך אן מיט אנדערע קעשלאזע טאל בריקן אין די האָדסאן וואלי, קוק איך ארויס צו זעהן שנעלערע, גלאטערע און זיכערערע רייזע ארום אונזער ראיאן."

**שטאב פלענער**
כאטש עס וועלן מער נישט זיין קיין איינגעשטעלטע אין פיזישע בודקעס וועלכע וועלן אפנעמען טאל, וועלן טייל פון די טאל אפנעמנדע און בריק אפעראציע איינגעשטעלטע פון די אויטאריטעט'ס ראָודס אריבערגיין צו נייע שטעלעס אלץ סעקיוריטי טעכניקער פאר די בריקן דורכאויס די זעלבע שטונדן ווען זיי האבן געארבעט בעפאר דעם אריבערגאנג צו קעשלאזע טאל. די סעקיוריטי טעכניקער וועלן דורכפירן די אפעראציע אויפגאבן וועלכע זענען דורכגעפירט געווארן אין די פארגאנגענהייט דורך טאל אפנעמנדע איינגעשטעלטע, צום ביישפיל ארויסהעלפן מיט עמערדזשענסי אפרופונג און אויפן-ארטיגע זיכערהייט אויפזיכט. אין צוגאב וועלן אלע שטרעקעס וועלכע ווערן אפערירט דורך די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט נאכגעקוקט ווערן 24/7 דורך די אויטאריטעט'ס קאמענד צענטער.

**באַצאלונג אפציעס**
אלע דרייווערס אן E-ZPass טעגס ווערן שטארק ערמוטיגט צו זיך איינהאנדלען א טעג כדי צו אויסנוצן די איינשפארונגען און באקוועמליכקייט. טעגס קענען באשטעלט ווערן ביי www.e-zpassny.com אדער אפגענומען ווערן ביי א רייע ריטעילערס איבער די סטעיט. NY E-ZPass באניצער צאלן נידעריגערע טאל ראטעס ביי בריק אויטאריטעט איינריכטונגען און ביי אנדערע טאל ראָודס אין די E-ZPass נעטווארק.

דרייווערס אן E-ZPass האבן עטליכע אפציעס וויאזוי צו באצאלן, אריינרעכענענדיג דורך די פאסט, איבערן טעלעפאן, אויף די אינטערנעט און דורך די Tolls NY עפּ. דרייווערס וועלכע רופן **826 פון רוב סעלפאָונס וועלן באקומען א טעקסט מעסעדזש מיט א לינק צו די Tolls by Mail NY וועבזייטל (www.tollsbymailny.com) און אינפארמאציע איבער וויאזוי צו באצאלן זייער טאל ביל. אלע Tolls by Mail קליענטן וועלן באצאלן די פולע ראטעס פאר טאל.

די בריק אויטאריטעט רעקאמענדירט אז אלע דרייווערס זאלן דאַונלאָודען די Tolls NY טעלעפאן עפּ צו גרינגערהייט נאכפאלגן אלע E-ZPass סטעיטמענטס און צו באצאלן Tolls by Mail בילס.

**איבער די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט**
די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט אפערירט די בער מאַונטעין, ניובורג-ביקאן, מיד-האדסאן, קינגסטאן-ריינקליף און ריפּ וואן ווינקל בריקן. עס איז אויך די אייגנטימער און האלט אויף די סטרוקטור פון די Walkway Over the Hudson פיסגייער בריק העכער די האדסאן. די אויטאריטעט ווערט פינאנצירט הויפזעכליך פון בריק טאל און באקומט נישט קיינע סטעיט אדער פעדעראלע טעקס געלטער פאר בריק אויפהאלטונג און אפעראציע. לערנט מער ביי www.nysba.ny.gov. די ניו יארק סטעיט בריק אויטאריטעט קען געפונען ווערן אויף פעיסבוק ביי www.facebook.com/NYSBridge און אויף טוויטער ביי www.twitter.com/NYSBridge.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418